# דברי תורה וברכה מאת הגאון האדיר
# פוסק הדור מרן בעל שבט הלוי שליט"א

**שהשמיע על ידי הוק אפ מוצש"ק פ' בשלח העעל"ט**
**לרגל השבע ברכות בבית נכדו הגה"צ אבד"ק סאטמאר מאנסי שליט"א**
**שנערכה ע"י הנהלת הקהלה בביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר מאנסי יצ"ו**

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, הקב"ה ווערט נתעלה, ווען ס'קומען זיך צונויף אחים לדעה, ידידים לדעה, רבנים חשובים מנהיגי הקהלות, מנהיגי העדה פון די נפלאדיגע עדה קהל יטב לב אין מאנסי, אשר בראשה עומד כבוד נכדי אהובי קשור מאוד ללבי הגה"צ ר' אברהם הערש הלוי ה' יאריך ימיו ושנותיו, און דער חשובער מחותן דער בעל תשובות מגד יהודא ה' יאריך ימיו ושנותיו.**

די גמרא זאגט אין חולין דף ס', ווען הקב"ה כביכול איז פערטיג געווען מיט בריאת העולם, האט דער שר העולם דער מלאך מט"ט געזאגט אויף די גאנצע בריאה יהי כבוד הד' לעולם ישמח ה' במעשיו, דער תכלית פון די בריאה, דער תכלית פון אלע ענינים גשמיים וואס איז בעוה"ז האט אלעס איין תועלת, איין תכלית, אז יהי כבוד ה' לעולם להרבות כבוד שמים, און אויף דעם זאגן מיר אין די ברכה ראשונה פון די ברכות נישואין שהכל ברא לכבודו, אלעס וואס מיר טוען אויף די וועלט, הן וואס איז נוגע געלט, און וואס איז נוגע ענינים גשמיים, און די מצוה פון פרו ורבו, האט איין תועלת, שהכל ברא לכבודו להרבות כבוד שמים ולהרבות כבוד התורה ולהרבות כבודו אלקינו ית' עדי עד.

ברשות דעם חשובען רב און ברשות פון די חשובע רבנים און ברשות פון מיינע חשובע קינדער הר"ר משה יודא און הרה"ג ר' בנציון, וויל איך זאגן א פאר קורצע ווערטער.

ס'איז ידוע, דוד המלך זאגט אין תהלים קאפיטל ס"ח – א זייער באוואוסטער פסוק – וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים וישישו בשמחה, צדיקים ווען זיך צונויף קומען, אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו, ישמחו ויעלצו לפני אלקים, די גאנצע תועלת פון דעם איז, זיך פרייען מיט הקב"ה, אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו. וישישו בשמחה, דער מהרש"א איז דאס מרמז אין סוכה דף מ"ח ע"ב, אין די חידושי אגדות, די הגדרה פון ששון און די הגדרה פון שמחה, די הגדרה פון שמחה איז א שמחה גשמיות, חז"ל זאגן אין שמחה אלא בבשר ואין שמחה אלא ביין, די הגדרה פון ששון דאס איז די שמחה עילאית, די שמחה נפשית די דביקות בה', און די שמחה גשמיות דארף ברענגען צו דעם שמחה רוחניות, וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים, ווען צדיקים זיצן און פרייען זיך אפילו מיט ענינים גשמיים גופניים בעוה"ז, איז די גאנצע תועלת פון דעם, וישישו בשמחה, אז די שמחה זאל פאר זיי גורם זיין דעם ששון.

ס'איז א דבר ידוע, די גמרא אין סוכה דף מ"ח ע"ב, ס'איז א באוואוסטע אגדתא, ס'איז געווען צוויי מינים, איינער האט געהייסן ששון און איינער האט געהייסן שמחה, איינער האט זיך אויפגעטון אז עס שטייט כי בשמחה תצאון ובשלום תובלון, אז שמחה איז פריער אין פסוק, און איינער האט זיך אויפגעטוען אז ששון איז פריער אין פסוק, איז דארט מרמז דער מהרש"א, אז עס איז צוויי צייטן, בעוה"ז

איז דער שמחה פאר ששון, דער שמחה פון ענינים גשמיים איז גורם דעם ששון, און בעוה"ב איז ווידער פארקערט איז ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה, דער ששון איז פריער ווייל דאס וועט שוין זיין עולם הרוחני הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה.

**ברשות פונעם סאטמארען רב, ה' יאריך ימיו ושנותיו, וואס ער איז געווען דער גרויסער גורם צו דעם התמנות פון דעם חשובען רב פון עדת יטב לב אין מאנסי, און ברשות פון קהל פון יטב לב און ברשות פונעם פארזאמעלטן ציבור, וואס כ'האב נישט זוכה געווען צו קענען כל אחד ואחד בפרטית, וויל איך אויסדרוקן מיין הארציגן יישר כח, אז איר האט זוכה געווען מרבה צו זיין כבוד שמים, איר האט זוכה געווען מרכז צו זיין, צו קאנצעטרירן א עדה נפלאה וואס דער גאנצער רצון פון די עדה איז לחיות על פי התורה ועל פי היראה, מרבה צו זיין כבוד שמים, מרבה צו זיין כבוד התורה, און גורם זיין דעם יגדיל תורה ויאדיר.**

**פון די שמועות טובות וואס איך הער, וואס יונגע בעלי בתים זיצן על התורה ועל העבודה, און פון די שמועות טובות וואס איך הער, אז די בעלי בתים זענען ב"ה בדרך אהבה ורצון מרבה כבוד שמים, און די בעלי בתים זענען רוצים שלום, האב איך דעם גרעסטן שביעות רצון, אז זיי האבן דאס געפונען, וואס אונזער תכונת הנפש איז תורה, הרבצת התורה, הרבצת הוראה, לכבוד ה', ולכבוד תורתו יתברך, אנע פניות, נאר מיט די בחינה פון אז נדברו יראי ה' ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו.**

חז"ל זאגן ויקשב ויכתב, שטייט אין מדרש, א מורא'דיגע מאמר חז"ל, מאן הוא כותב, ווער שרייבט, הקב"ה שרייבט, ואליהו און משיח זענען די צוויי עדים וואס זענען דאס מאשר דעם אז נדברו יראי ה' ויקשב ה' וישמע, ס'איז נישטא ביי הקב"ה קיין אנדערע נחת רוח, נאר ווען אידישע קינדער האבן זיך ליב און איינער מיט'ן צווייטן בויען צוזאמען דעם כבוד שמים, און זענען גורם דאס וואס דער שר העולם האט געזאגט נאך בריאת העולם, אז די גאנצע בריאה איז דער תכלית יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו.

***איך וואונטש אונזער חשובע משפחה, בראשם ר' משה יודא ומשפחתו, און די חשובע צוויי מחותנים גדולי תורה ויראה, און די איבריגע רבנים וואס זענען נוכח, אבער איך קען זיי נישט מזכיר זיין בשמם, ווייל איך בין נישט בתוך הענין צו וויסן שמו על מכבוד של כל אחד ואחד, און ברשותם וויל איך אוסדרוקן מיין הארציגן דאנק, אז עס האבן זיך צוזאמגענומען א עדה, וואס די מטרה איז איין זאך "כבוד שמים***

***און כבוד התורה, און בויען אידישע הייזער בקדושה ובטהרה מגדל עוז שם ה׳ בו ירוץ צדיק ונשגב״, יעדע נייע אידישע הויז איז א מגדל עוז שם ה׳ בו ירוץ צדיק ונשגב.***

זאל הקב״ה העלפן דער חשוב׳ער חתן, די חשוב׳ע כלה און די חשוב׳ע מחותנים, מיט׳ן סאטמארער רב בראש וואס ער איז איבער אלעס, דער איש על העדה, און די מנהיגי קהלות זאלן זוכה זיין ממשיך צו זיין דעם דרך ה׳ פון אהבה ואחוה ושלום וריעות ויתקדש שם שמים על ידיכם, ובימיכם ובימינו זאלן מיר זוכה זיין צו די נישואין פון הקב״ה מיט כנסת ישראל ווי די גמרא זאגט סוף מס׳ תענית, יום חופתו זה מתן תורה, ושמחת לבו זה בנין בית המקדש, שיבנה במהרה בימינו, און הקב״ה זאל מיר געבן די זכי׳, איך זאל זעהן ענקערע דורות און דורי דורות עובדי ה׳ ולומדי תורתו הק׳ עושין רצון אבינו שבשמים, עד ביאת רוח אפינו משיח ה׳ במהרה בימינו ברחמים גדולים אמן.